בעזרת השם יתברך

וועד העירוב

550 - 2 עמודים

# גודל מעלת תיקון עירובין שמקיים בזה והכינו את אשר יביאו שמכין שיוכל לקיים עונג שבת ועוד הרבה... מתוך קונטרס שי"ל ע"י שיכון סקווירא, אחרי שנתקלקל להם העירוב בשבת תצוה תש"ס ע"י הקרח.

בעזהשי"ת

*עש"ק לס' "וביום השביעי יהי' לכם קדש*
*שבת שבתון לה'", ויקהל, שנת חש"ס לפ"ק*

**אמע"כ הנדיבים היקרים תושבי עירנו הע"י**

הנני בזה על אשר ידוע ומפורסם לכל גודל נחיצת העירוב אשר בעירנו, שנתקן לפני שנים רבות ברצון קדשו של כ"ק מרן אדמו"ר זי"ע כפי שהיה נהוג במקומות ישראל למנוע חילול שבת ולתועלת כל יחיד ויחיד. והנה בשנת תש"נ עמדו איזה עסקנים ת"ח וחשובים ונטלו על שכמם משא העירוב, ואחר רוב טורח ועמל בדמים תרתי משמע זכו לתקן העירוב במחיצות גמורות בהידור גדול אשר כמעט ולא נמצא כמוהו בעולם. ובמשך עשרה שנים עומדים על משמרת הקודש להשגיח עליה מדי שבוע בשבוע, ולתקן מזמן לזמן את כל הצורך.

אמנם לאחרונה נתרבו הקלקולים במקומות הרבה הן מחמת אריכות הזמן ונפילת אילנות וכדו', הן מחמת התרחבות הגבולין בעירנו בעז"ה. והצורך הוא לתקן אותם באופן קבוע אשר עי"ז יוחזר לקדמותו וביתר שאת, אשר כ"ז עולה להון תועפות, אשר ע"כ קמו הני העסקנים לערוך מגבית מיוחד ולקבץ נדבת העם, למען תיקון העירובין שהוא צורך וטובת כל התושבים החשובים הע"י ובקשתינו שטוחה לכל שישתתפו בעין יפה וברוח נדיבה לכה"פ בסכום של $50 למען קדושת ושמירת השבת אשר היא שקולה נגד כל התורה כולה, ובזכות שמירת שבת כהלכתו נזכה לנחלה בלי מצרים וליום שכולו שבת בב"א.

רע"ז באעה"ח למען קדושת השבת
שמואל אפרים זלמן אונגאר
שלום פאללאק
יוסף ישראל אייזנבערגער

שמואל אפרים זלמן אונגער
הרב דק"ק שיכון סקווירא יע"א





# די מצוה פון האבן אן עירוב ארום דעם ישוב

מיר געפינען אין די ראשונים און בספרי גדולי אחרונים, אז די מצוה פון ארומצוימען א אידישן ישוב מיט אן עירוב, איז טאקע אט דאס, אז אויב וועט נישט זיין קיין עירוב, קען מען קומען צו מטלטל זיין באיסור. דערפאר – שרייבט דער "בית יוסף" – איז דאס א מצוה חשובה.

אין שו"ע טאקע רופט עס דער מחבר אן א "מצוה". שרייבט דארט דער "טורי זהב", אז דער טעם פארוואס ס'איז א מצוה, איז כדי מ'זאל נישט קומען לידי איסור טלטול.

עס איז מבואר בספרי הקדמונים, אז אין דעם באקאנטן חז"ל: "בשעה שתיקן שלמה עירובין יצאה בת קול ואמרה אם חכם בני ישמח לבי גם אני", איז אויך נכלל דער תיקון פון עירוב דורך אן ארומגעצוימטן גדר, וואס העלפט פארמיידן איסורי הוצאה.

דער "יראים" לייגט צו נאך אן ענין צו דער דאזיגער מצוה פון עירוב. אז וויבאלד דאס ברענגט פאר'ן איד אן עונג שבת, מיט דעם וואס ער קען מטלטל זיין ממקום למקום, איז ער – מיט'ן בויען אן עירוב – אויך מקיים מצות "והכינו את אשר יביאו". ער גרייט צו, ער זאל קענען הנאה האבן אין שבת.

**וויבאלד דאס בויען אן עירוב ברענגט פאר'ן איד אן עונג שבת, מיט דעם וואס ער קען מטלטל זיין ממקום למקום, איז ער - מיט'ן בויען אן עירוב - אויך מקיים מצות "והכינו את אשר יביאו". ער גרייט צו, ער זאל קענען הנאה האבן אין שבת.**

ער זאגט דארט ווייטער, אז אפילו בזמן הזה, וואס מיר האבן נישט קיין ריכטיגע רשות הרבים, וויבאלד אבער אן אן עירוב איז דא אן איסור מדרבנן צו מטלטל זיין, וועט ער דורך דעם שטערן זיין מצוה פון מנוחה ועונג, איז ער בעשיית העירוב מקיים א מצות עשה מן התורה.

עס זענען דא וואס טייטשן דאס אריין אין דעם דערמאנטן פסוק: והכינו את אשר "יביאו". גרייט צו דעם פלאץ פון פאר שבת, אז מ'זאל קענען "ברענגען" און טראגן ביום השבת מחצר לחצר.

דער "חתם סופר" שרייבט אין א תשובה ("בימינו" ווערט עס בסדר ציטירט): "מ'האט מיר געפרעגט און געבעטן צו מברר זיין מיט ראיות מדברי חז"ל אז ס'ראוי ונכון פאר יעדער אידישער קהילה, וואו נאר זיי וואוינען, צו מתקן זיין עירובין, אז דער המון עם זאל נישט נכשל ווערן מיט הוצאה מרשות לרשות ביום שבת קודש."

"דאס איז א זאך וואס דער שכל אליין זאגט ווי ווייט עס איז דער חיוב אין דעם. און ס'אויך ערקלערט בפירוש בדברי חכמינו ז"ל."

"מיר ווייסן דאך אז שמירת יום שבת קודש איז פון די מצוות הראשונות, און דער וואס היט איר נישט כהלכתה, איז ווי א כופר און מומר בכל התורה כולה. איסור הוצאה מרשות הרבים לרשות היחיד, אדער פארקערט, איז פון 'די הלכות' וואס אויב מ'איז אויף זיי עובר איז מען פארעכנט ווי א מומר לכל התורה."

"אויב אזוי – זאגט דער "חתם סופר" – אז וויבאלד ס'איז בשום אופן נישט מעגליך פאר א אידישער קהילה אפצוהיטן יעדן, סיי יונגע, סיי נשים, אז זיי זאלן א גאנצן שבת נישט קומען צו ארויסטראגן קלענערע חפצים און כלים, אדער סידורים און אנדערע תשמישי קדושה, איז מען – לכן – זיכער מחוייב צו מתקן זיין די חצרות און מבואות מיט אזא עירוב, וואס איז מתיר צו מטלטל זיין."

> זאגט דער "חתם סופר" - אז וויבאלד ס'איז בשום אופן נישט מעגליך פאר א אידישער קהילה אפצוהיטן יעדן, סיי יונגע, סיי נשים, אז זיי זאלן א גאנצן שבת נישט קומען צו ארויסטראגן קלענערע חפצים און כלים, אדער סידורים און אנדערע תשמישי קדושה, איז מען - לכן - זיכער מחוייב צו מתקן זיין די חצרות און מבואות מיט אזא עירוב, וואס איז מתיר צו מטלטל זיין."

- עס שרייבט אויך אזוי דער "דברי חיים" אין א תשובה, אז מ'דארף זוכן די וועגן וואס העלפן מאכן אן עירוב, ווייל אן דעם, קומט מען צו פיל מכשולות אין חילול שבת, חלילה.

אין שאלות ותשובות "אבני נזר" שטייט נאר א שארף לשון אויף דעם וואס איז מונע צו מאכן אן עירוב. ס'גייט אריין אין גדר פון מחטיא את הרבים, ווייל בלי זה קומט מען צו נכשל ווערן באיסורי שבת.

היוצא לנו מכל זה, איז נאר דאס איינציגע, אז מצד ההלכה איז עס א מצוה חיובית וואס איז מדברי סופרים אויף אונז ארויפגעלייגט געווארן, אז מיר זאלן זען צו האבן אן עירוב־מתוקן וואס היעט אונז היטן פון חילול שבת חלילה, און אונז דערמעגליכן מיט עונג און הנאה ביום השבת.





# דאס חשיבות פון מצות עירוב

דער תשב"ץ שרייבט דעם שיינעם לשון: "כל הזריז בתיקון העירובין הרי זה משובח." ער פירט דארט אויס אין יענעם זעלבן סימן אז "זכות גדול היא למתקן העירוב."

אין ספר "ברכת אברהם" פרשת ואתחנן, ווען מיר פון אן עובדא ביים בעל שם טוב הק' זי"ע, ווי ווייט חשוב די מצוה איז במתיבתא דרקיע; אז ס'איז דארט אויסגערעכנט געווארן צווישן די מצוות וואס מ'דארף אויף זיי אממערסטנס אכטונג געבן.

ער דערציילט בתוך דבריו: "כ'האב געהערט, אז די תלמידי רבינו ישראל בעל שם טוב ז"ל זענען געזעסן אינאיינעם און זיך מתווכח געווען, וואס עס איז די עיקר זאך וואס א ראש און מנהיג הדור דארף אויף דעם אכט געבן."

"טייל פון זיי האבן געזאגט, אז דער עיקר איז אז מ'זאל אכט געבן אויף "דער שחיטה". דער שו"ב זאל זיין א ירא שמים; אזוי אויך, אויף אלע ענינים וואס זענען פארבונדן מיט כשרות הבשר. ווייל מאכלות אסורות טוען דאך מטמטם זיין דאס הארץ ה"ו."

"אנדערע האבן ארויסגעהויבן "מצות עירובין" אלס עיקר וואס מ'דארף דערויף לייגן אכט אז ס'זאל זיין כ'דאי־כהלכה. ווייל די הלכות מזה זענען דאך כהררים התלויים בשערה, און די איסורים דערפון זענען זייער האר ב."

"און ווידער אן אנדערער חלק מהחבריא קדישא האבן צום גרעסטן ארויסגעברענגט "כשרות המקוה". אז דאס איז דער עיקר וואס מ'דארף אכט געבן אז ס'זאל זיין כשר בלי שום חשש. ווייל דאס איז דער יסוד טהרת האדם, און ח"ו ווען ס'איז אן דעם ריכטיגן כשרות, איז פאר'ן יחיד שווער זיך מתגבר צו זיין על הרע, ר"ל."

"ווי־נאר זיי האבן געענדיגט זייערע חילוקי דעות הקדושות, האט זיי דער רבי, דער בעש"ט הק', געזאגט בזה הלשון: איצט אין דער זעלבער צייט וואס איר זענט דא געזעסן און גערעדט אין די ענינים, האט מען במתיבתא דרקיע אויך זיך מפלפל געווען דעריין: וואס עס איז די עיקר זאך אויף וואס מען דארף דאס מערסטע אכט געבן."

"געבליבן איז אייבן: אז אלע דריי! און עס איז מרומז אין א פסוק פון חבקוק "בזע"ם הצעד הארץ". זע"ם איז ר"ת ז'ביחה ע'ירובין מ'קוואות, אז די אלע זענען דער יסוד העולם. – מיט זיין געווארנט אין זיי, ווערט מען געשטארקט און געפעסטיגט בקיום המצוות."

אויפ'ן חשיבות פון ארומנעמען א שטאט מיט אן עירוב ווערט ערקלערט בספרי קבלה, אז מיט דעם וואס דער שטח העיר איז ארומגענומען מיט א דבר מצוה וואס יסודתו בהררי קודש, שטארקן זיך די חסדים על הגבורות, און לאזן נישט שולט זיין קיין דינים און חיצונים אויף דער שטאט.

דער בעשטה"ק האט דאס אויך נאכגעזאגט בשם האר"י, אז דער ענין פון עירוב איז ממתיק צו זיין דעם דין און שטארקן מדת החסד, און דערפאר זענען די אותיות י'ר'ו' – וואס באטרעפן גבור"ה, ארומגענומען אין ווארט ע–יר"ו–ב מיט די אותיות ע"ב – וואס באטרעפן חס"ד. מיט'ן עירוב ווערט מען ארומגענומען מיט חסדים.

עס זענען ידוע כמה עובדות ווי אידן זענען געהאלפן געווארן מיט ישועות און רפואות, דורך העלפן בויען אן עירוב ארום זייער שטאט. צדיקים האבן אמאל מבטיח געווען עולם הבא פאר דעם וואס וועט דורכפירן די ארבעט פון מאכן תיקון עירובין.

מפי ספרים וסופרים ווערט געברענגט, אז בזכות תיקון עירובין וואס עס שטייט ביי דעם שמחה – דער רבש"ע זאגט ישמ"ח לב"י – וועלן מיר זוכה זיין צו "יראו עינינו וישמ"ח לבנ"ו" מיט דער אייביגער שמחה פון ביאת גואל צדק בב"א.